(סוף פון 3־טע זייט).

נען מיר טאַקע געבליבן בײַ אַ 75 חברים, גוט אָר־
גאַניזירטע.

אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף האָבן זיך דערווייל ניט געקענט פיל אויפטאָן צוליב פאַר־רענע שטערונגען מצד „עזרה" און אַנדערע מוסדות.

אַ־באַנק אונדזערע פאַרטרעטער אין היגן פאָלקס באַנק איז פאַרן האַנטווערקער ליכטער געוואָרן צו קריגן קרעדיטן.

מיט אַ געוויסער צייט צוריק איז בײַ אונדז זיין טאַוריק געשאַפן געוואָרן מיט דער מיטהילף פון היגן פאָלקס־באַנק אַ „גמילות־חסד" אויפן נאָמען פון ר' לייב בייקאָוויץ ז"ל, וואו ס'ווערן אויסגע־האָלפן האַנטווערקער, סוחרים און אַנדערע געדריק־טע מענטשן מיטן לייען אַ געוויסע סומע געלט אויסצוצאָלן אויף גאַנץ צופרידנשטעלנדע באַדינ־גונגען. אין דעם „גמילות־חסד" זיינען פאַרטראָטן אויך צוויי פאַרשטייער פון אונדזער פאַרבאַנד. אַ סך פון אונדזערע חברים האָבן טאַקע געהאַט שטי־צע און אויסהילף פון „גמילות־חסד". פאַרוואָס די גרינדער קומט אַ יישר־כח.

לויט אַ פאַרלאַנג פון רעליגיעז־געשטימטע חברים האַנטווערקער איז מיט אַ יאָר צוריק גע־גרינדעט געוואָרן דורכן האַנטווערקער־פאַרבאַנד אַ האַנטווערקער־קלויז.

אַזוי ווי אונדזערע חברים פלעגן זיין אין די שולן זייער אָפּגעשטויסן און זייער אָרט איז געווען לעבן די טירן פון די שולן און פלעגן קיינמאָל ניט קריגן קיין עליה, זאָגאַר בײַ אַ יאָר־צייט, און וועגן עמוד איז שוין ניטאָ וואָס צו קלערן, האָבן זיי אויסגעמיידט צו גיין אין שול. פאַרשטייט זיך, אַז זייענדיק אין דער היים! פלעגט מען אויפפאַסן אום שבת אויף די אַרבעט. מיט דעם שאַפן פון האַנט־ווערקער־קלויז, אין וועלכן יעדער האָט זיך צים דאַוונען זיין אָרט, וואָס ווערט פאַרטיילט דורך אַ